

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב

רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' תולדות
תשפ"ב לפ"ק
גליון קצ"ה

## פראגע

**פארוואס האט נישט יעקב אבינו מקרב געווען עשו און אים געוויזן דעם ריכטיגן וועג? האט ער נישט געהאט דעם געלעגנהייט אים צו לערנען דעם אמת?**

## ענטפער:

לאמיך אייך עפעס ערקלערן: עשו איז געווען דער עלטערער ברודער; ער איז געבוירן א מינוט בעפאר יעקב אבינו און יעקב האט אים גערופן "אדוני", מיין הער.

אין יענע צייטן האט מען מכבד געווען דעם עלטערן ברודער. די גמרא זאגט אז מען דארף מכבד זיין אן עלטערן ברודער. עשו וואלט נישט גענומען קיין שום אנווייזונגען פון יעקב אבינו! "מיין קליינער ברודער! איך ווייס אסאך מער פון אים. איך ווייס וויאזוי צו שיסן פיילן, איך ווייס וויאזוי צו כאפן הערשן. ער איז א בטלן וואס זיצט א גאנצן טאג אינדערהיים און הערט אויס צום טאטנ'ס תורה און צו די מאמע'ס תורה. 'שמע בני מוסר אביך ואל תיטוש תורת אמך' (משלי, א, ח) – הער צו מיין קינד די מוסר פון דיין טאטע און קער נישט אפ פון די תורה פון דיין מאמע. וואס ווייסט ער? צי ווייסט ער וויאזוי צו קריכן אויף ביימער? צי ווייסט ער וויאזוי צו שיסן א הערש? איך בין א טיכטיגער חברה-מאן!"

ער האט אראפגעקוקט אויף יעקב אבינו און ער וואלט אים נישט אויסגעהערט. "לא יאהב לץ הוכח" (משלי טו, יב) – דער לץ האט נישט ליב קיין קריטיק, "אל חכמים לא ילך" – ער גייט נישט צו קיין חכם. אודאי אויב עשו וואלט גרייט געווען צוצוהערן וואלט יעקב געקענט ראטעווען זיין לעבן און זיין נשמה. אבער עשו איז געווען ווייט פון אויסהערן סיי-וועם; ער האט ניטאמאל געהארכט זיינע עלטערן. יעקב איז געזעסן און זיך צוגעהערט צו זיינע עלטערן, אבער עשו האט זיך נישט צוגעהערט צו קיינעם.

דערפאר, דער מענטש וואס וויל זיך נישט צוהערן צו אנדערע, ער מיינט ער איז א חכם, ער מיינט ער איז אן ערום, ער איז א שוטה ווען ער'ס לעבן ווערט פארפאטשקעט.

עס שטייט (משלי, יז, טז) "למה זה מחיר ביד כסיל" – פארוואס איז דא געלט אין די האנט פון א נאַר, "לקנות חכמה" – איינצוקויפן קלוגשאפט, "ולב אין" – ער האט נישט קיין הארץ, ער האט דאך סיי-ווי נישט קיין שכל.

עס מיינט אזוי: דער אויבערשטער גיבט אונז געלט. געלט מיינט דא – לעבן. ער גיבט אונז טעג, וואכן, חדשים און יארן, דאס איז געלט, דאס איז די אמת'ע ווערדפולע געלט. די ציל פון די געלט איז צו קונה זיין חכמה, חכמת היראה, חכמת האמונה. ער וויל מיר זאלן זיך איינקויפן קלוגשאפט. אויב א מענטש אבער פארפאטשקעט זיינע טעג און ער קויפט נישט איין חכמה, זאגט דער אויבערשטער "למה זה מחיר?" פארוואס דארף ער די געלט? ער דארף נישט קיין לעבן, ס'איז א שאד אים צו לאזן לעבן לענגער.

אבער ווען א מענטש נוצט אויס זיין לעבן, ער נוצט אויס זיינע יארן, זיינע חדשים, זיינע טעג און זיינע שעה'ן, כסדר טראכט ער פון די טובות וואס דער אויבערשטער טוט מיט אים, און כסדר טראכט ער וויאזוי ער קען צוריקצאלן פאר השי"ת און אים דינען, ער טראכט וויאזוי צו ווערן בעסער און נענטער צום אויבערשטן. "אה" זאגט השי"ת, "דו ביזט פארנומען אויסצונוצן דיין וואלוטע פון לעבן צו קויפן חכמה? איך וועל דיר געבן מער לעבן! און ער וועט לעבן לענגער אין רעזולטאט, ווייל ער ווייסט וויאזוי אויסצונוצן לעבן.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

## פראגע

# איז אמת אז ע"פ תורה זענען פרויען ווייניגער ווערד ווי מענער?

## ענטפער:

דאס איז א קאמפליצירטע שאלה און איך וועל מסביר זיין פארוואס.

אין א געוויסע זין איז עס אמת און מען קען עס זען פשוט אין דער נאטור. דער פאקט אז מענער שטארן ארויס מיט זייערע בערד איז זייער וויכטיג. איר ווייסט וואס א באָרד מיינט? אויב נישט וועל איך אייך זאגן. איר וועט זיין איבערראשט צו הערן. א בארד מיינט אז מען האט א גרעסערע גאמבע... עס מאכט דעם מאן אויסקוקן גרעסער און וויכטיגער.

איר הערט יעצט עפעס וואס עס קען זיין איבערראשנד צו אייך, אבער דאס פונקטליך איז וואס דאס מיינט. אויב מען טרעפט א מאן מיט א קליינטשיגע גאמבע, גיבט ער אן איינדרוק פון שוואכקייט. איז עס נישט אזוי? ווען דעם אמאליגע צייטן ווען די קעניגליכע מעלער האבן אפגעמאלן א פעינטינג פון א קעניג וואס איז געבוירן געווארן מיט א קליינע גאמבע, האבן זיי געמאכט זיכער צוצולייגן אן אינטש צו זיין פנים. די ציל פון א בארד איז צו לענגער מאכן די גאמבע ווי ווייט מעגליך, ווייל דאס גיבט צו **אן איינדרוק פון אויטאריטעט**.

די גלאטע פנים פון א פרוי ענדלט אין די פנים פון א קינד פאר'ן צוועק פון ערוועקן רחמנות. א פרוי דארף מער רחמנות. מענער געבוירן נישט קיין קינדער. פרויען דארפן אסאך מאל צוקומען צו רחמנות. זיי קענען נישט אזוי שנעל אנטלויפן פון א סכנה'דיגע סצענע ווי מענער, און דערפאר האט זיי דער אויבערשטער באשאפן מיט א פנים וואס ענדלט אין א קינד צו ערוועקן רחמנות אז מען זאל זיך זארגן פאר איר.

א פנים פון א מאן ערוועקט נישט קיין רחמנות. עס ערוועקט א געוויסע מורא און **רעספעקט**. אלע פרעה'ס פון עגיפטן זענען אפגעמאלן געווארן מיט לאנגע בערד. דאס איז נישט וואס איך זאג – ארכעאלאגן זענען מסביר אז דאס איז געווען פאר'ן צוועק פון פרעזענטירן א לענגערע גאמבע. פון דעם זעען מיר אז **פון נאטור** אויס איז געגעבן געווארן פאר מענער א געוויסע אויטאריטעט.

און עס איז שכל הישר אויך. לאמיר פרובירן אוועקצוקוקן פון די ווי-געשריי פון די "פרויען פרייהייט" גרופעס און לאמיר זיך צוהערן צום פשוט'ן לאגיק. איז פרייליכער אין א שטוב וואו עס זענען דא צוויי גלייכע פירער? קען א שיף פארן אין איין דירעקציע ווען עס זענען דא צוויי קאפיטאנען?

"אודאי!" וועט איר זאגן. "זאלן זיי צושטימען איינער צום צווייטן!"

אבער וועלן זיי דען?! לאמיר זאגן אז איין קאפיטאן באשליסט צו פארן צפון קיין קאנאדע און דער אנדערער וויל גיין קיין מערב אפריקע; בלייבט די איינציגסטע עצה צו צעשניידן דעם שיף אויף צוויי... און פאר דעם זענען טאקע דא אזויפיל גיטין צווישן די ראנגען פון די פרייהייט פרויען. מען קען נישט האבן צוויי אנפירער. "דבר אחד לדור" – עס דארף זיין איין פירער.

יעצט פאר די ווייב ווערט צוגעטיילט א מכובד'דיגע פלאץ אין די הויז. זי איז די הויפט געהילף פאר'ן קאפיטאן. אז נישט קען עס נישט אנהאלטן.

א חתונה-געהאטע לעבן צווישן א מאן און א פרוי איז אן שותפות וואס איז דער פונדאמענט פון די מענטשהייט, אבער עס קען נישט זיין קיין פרייליכע לעבן אויב זענען דא צוויי קאנקורירנדע הערשער, ווייל דעמאלטס איז די גאנצע זאך אין געפאר. און דערפאר, אין דעם זין מוזן אודאי די פרויען אננעמען זייער נאטורליכע ראלע אלס געהילף צום מאן פון די הויז.

פארגעסט נישט אז אין א מער נאטורליכע געזעלשאפט קען א מאן האבן עטליכע ווייבער. איז דא האבן מיר א מאן וואס האט עטליכע פרויען, די פרויען געבוירן קינדער און דארפן הילף וואס נאר די מאן קען זיי געבן. דער מאן זארגט פאר זייערע געברויכן און האלט זיי אויס. עס קען נישט זיין פארקערט אז דריי אדער פיר פרויען זאלן האבן איין מאן און זיי זאלן אלע זיין די אנפירער. אלזא, מיר פארשטייען אז דער מאן איז דער פירער; ער טראגט דעם צייכן פון אויטאריטעט אויף זיין פנים און דאס איז זיין ראלע אין נאטור.

אבער רוחניות'דיג, איז די נשמה פון א פרוי קיין טראפ נישט ווייניגער ווי די נשמה פון א מאן. און אפילו מיט שכל איז זי נישט ווייניגער. א פרוי האט פארשטאנד, א פרוי האט חכמה. בלויז איין שוואכע נקודה האט א פרוי אין מח; "נשים **דעתן** קלות" – דאס מיינט אז פרויען קען מען גרינגער **איבעררעדן**. זיי זענען נישט אזוי עקשניות'דיג ווי מענער...

(די תשובה האט זיך נאך געצויגן לענגער, אבער די טעיפ ווערט דא אפגעהאקט. וחבל על דאבדין.) (#49)

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org, **אדער גייט צו** torasavigdor.org. **צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

# דער צווייטער באנד!

פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן

## ארויס פון דרוק!




**אידיש!**

**פרישע הונדערטער**
**פראגעס און ענטפערס**
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה

**דערקוויקט אייער**
**מח און נשמה!**

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

**עונג שבת/גוט שבת** שע"י **מערכת להתענג**

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב